כדי זיי זאָלן זוכן ג־ט, אפשר וועלן זיי אים דערפילן
און געפינען, הגם ער איז נישט ווייט פון יעדן איינעם
28 פון אונז; וואָרום אין אים לעבן מיר און באַוועגן
זיך און האָבן אַ קיום, אַזויווי אויך אייניקע פון
אייערע פּאָעטן האָבן געזאָגט: וואָרום אַן אָפּשטאַם
29 פון אים זענען מיר. זייענדיק דעריבער פון ג־טס
אָפּשטאַמונג, געשיקט עס זיך נישט (פאַר אונז)
צו מיינען, אַז די גאָטהייט איז ענלעך צו גאָלד
אָדער זילבער אָדער שטיין, צו אַ בילד פון מענטש־
30 לעכער קונסט און דערפינדונג. און אויף די
צייטן פון אומוויסן האָט ג־ט אַוועקגעקוקט, איצט
אָבער באַפעלט ער אַלע מענטשן אומעטום, תשובה צו
31 טון; ווייל ער האָט פעסטגעזעצט אַ טאָג, אין וועלכן
ער וועט משפטן די וועלט מיט גערעכטיקייט דורך
אַ מאַן, וועמען ער האָט באַשטימט דערצו; און האָט
אַלעמען געגעבן אַ פאַרזיכערונג, אויפוועקנדיק
אים פון די טויטע.
32 און ווי זיי האָבן געהערט פון תחית המתים, האָבן
אַ טייל זיך אויסגעלאַכט; אַנדערע אָבער האָבן
געזאָגט: מיר וועלן דיך הערן נאָכאַמאָל וועגן דער
33 דאָזיקער זאַך. און אַזוי איז פּוילוס אַרויסגעגאַנגען
34 פון זייער מיט. אייניקע מענער אָבער האָבן זיך
באַהאַפטן צו אים, און געגלייבט, צווישן וועלכע
(עס האָבן זיך) אויך (געפונען) דיאָניזיוס, דער
אַרעאָפּאַגיטיקער, און אַ פרוי, מיטן נאָמען דאַמאַריס,
און אַנדערע מיט זיי.